א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויחי

## מאוצרות אמונים

פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### זאגן 'לישועתך קויתי ה'" נאכן ניסן

"וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חֹלֶה" (מח א)

"מִיּוֹם שֶׁנִּבְרְאוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא הָיָה אָדָם חוֹלֶה, אֶלָּא אִם הָיָה בַדֶּרֶךְ אוֹ בַשּׁוּק הָיָה עוֹטֵשׁ וְהָיְתָה נִשְׁמָתוֹ יוֹצֵאת מִנְּחִירָיו. עַד שֶׁבָּא יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּקֵּשׁ עַל זֹאת רַחֲמִים וְאָמַר לְפָנָיו: 'רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים, אַל תִּקַּח אֶת נַפְשִׁי מִמֶּנִּי עַד שֶׁאֲצַוֶּה אֶת בָּנַי וְאֶת בְּנֵי בֵיתִי', וְנֶעְתַּר לוֹ... לְפִיכָךְ חַיָּב אָדָם לוֹמַר בַּעֲטִישָׁתוֹ: 'חַיִּים' - שֶׁנֶּהְפַּךְ הַמָּוֶת הַזֶּה לְאוֹר" (פרקי דרבי אליעזר פרק נב).

לויט דעם מדרש ערקלערט דער **של"ה** הקדוש (שער האותיות ה ו) דעם מנהג וואס איז געווען אין זיינע צייטן אז דער וואס האט געניסט האט נאכדעם געזאגט: 'לישועתך קויתי ה'", ד.מ. אזויווי דער אויבישטער האט אים יעצט געהאלפן און געראטעוועט פון טויט צום לעבן, אזוי זאל ער מיר שטענדיג העלפן.

אבער אין נאמען פונעם **'חתם סופר'** ווערט געברענגט ('ליקוטי חבר בן חיים' ח"א עמ' לב) אז ער האט זיך נישט אזוי געפירט, ווייל דער וואס געוואוינט זיך איין אזוי צו זאגן קען עס בשוגג זאגן אויך אין א פלאץ וואו מ'טאר דארט נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען. נאך א טעם פארוואס מ'זאל אזוי נישט טוהן ברענגט דער **'כף החיים'** (או"ח רל כ): ווייל עס קען זיין אז ער וועט נישט קענען אינזין האבן זאגנדיג דעם אויבערשטנ'ס נאמען, און צוליב דעם איז בעסער מ'זאל עס אינגאנצן נישט זאגן.

### בענטשן די קינדער, וויאזוי?

"וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל אֶת יְמִינוֹ וַיָּשֶׁת עַל רֹאשׁ אֶפְרַיִם וְהוּא הַצָּעִיר וְאֶת שְׂמֹאלוֹ עַל רֹאשׁ מְנַשֶּׁה" (מח יד)

אין **סידור היעב"ץ** (הנהגת ליל שבת, אות ז) ווערט געברענגט דער באקאנטער מנהג צו בענטשן די קינדער פרייטאג צו נאכט'ס, צולייגנדיג אז ביים בענטשן זאל דער פאטער לייגן זיינע צוויי הענט אויף די קאפ פונעם קינד, אזוי ווי די כהנים וואס הייבן אויף זייערע צוויי הענט ביי ברכת כהנים. און עס איז נישט שווער פון וואס מיר טרעפן אז יעקב האט געלייגט נאר איין האנט אויף די קעפ פון זיינע אייניקלעך, ווייל ער האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג, ווייל ער האט נישט געוואלט עס זאל זיך דערקענען אז ער איז מחשיב אפרים מער פון מנשה דער בכור.

אבער אין **סידור הגר"א** (סדר ליל שבת) ווערט געברענגט אז דער גר"א האט זיך געפירט צו בענטשן נאר מיט איין האנט, ווייל עס שטייט דאך אין גמרא (כתובות כד ב) אז א זר וואס בענטש אזוי ווי די כהנים איז עובר אויף א עשה. און אזוי זאגט אויך דער **'תורה תמימה'** (נשא הע' קלא) אין נאמען פון א באגלייבטער מענטש אז ווען דער גר"א האט געבענטש הגרי"ח לאנדא, דער מו"ץ פון ווילנא, ביי זיין חופה, האט ער געלייגט נאר איין האנט אויף זיין קאפ, און האט ערקלערט זיין מנהג מיט דעם וואס מ'טרעפט נישט קיין ברכה מיט צוויי הענט נאר ביי כהנים.

### די ברכה פארן קינד ביים ברית

"בְּךָ יְבָרֵךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה" (מח כ)

"בָּךְ יוֹסֵף בְּרִי יְבָרְכוּן בֵּית יִשְׂרָאֵל יַת יְנוּקָא בְּיוֹמָא דִמְהוּלְתָּא" (תרגום יונתן)

ערקלערט דער **נצי"ב** פון וואלאזשין:

ווען מ'וואונטש אן איינעם, דארף מען אים וואונטשן מיט דעם כח וואס ער האט באקומען פון הימל, דעם עושר - מיט עשירות, דעם חכם - מיט חכמה א.ד.ג.. און ווייל ביים ברית ווייסן מיר נאכנישט וויאזוי דער קינד וועט אוועקשטעלן זיין לעבן, וואונטש מען אים אן מיט א ברכה וואס מ'קען טייטשן אויף צוויי וועגן: אויב דו וועסט עוסק זיין אין תורה - "יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם", און אויב דו וועסט האנדלען - "כִּמְנַשֶּׁה".

אויף דעם וועג טייטש **רבי עקיבא סופר** פון פרעשבורג דעם פסוק וואס שטייט ביי די ברכות פון יעקב פאר זיינע קינדער: "אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ אֹתָם", ד.מ., פאר יעדן איינעם פון די קינדער האט יעקב צוגעלייגט צו די ברכה וואס ער איז שוין געבענטש געווארן פון הימל.

'הרחב דבר' 'דעת סופר'

> ### אמן - איז א סגולה אויף פרנסה
>
> "הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה" (מח טו)
>
> מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז א סגולה אויף פרנסה, און וועגן דעם די ראשי תיבות פון דער פסוק ווי מ'בעהט דארט אויף בו פרנסה (ראה שו"ע או"ח נא ז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ", איז גימטריה 'אמן'.
>
> אויך דא איז עס מרומז אין דעם פסוק: אין זכות פון "הָאֱלֹהִים" - וואס איז בגימטריה 'אמן', האב איך זוכה געווען אז ער זאל זיין דער "הָרֹעֶה (=דער פארזארגער) אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה".
>
> 'בני שלמה'

### תפילה איז צוגעגלעכנט צו א שווערד און בקשה צו א פיילן-בויגן

"אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי" (מח כב)

אונקלוס טייטש: "בְּחַרְבִּי" - מיט מיין תפילה, "וּבְקַשְׁתִּי" - און מיט מיין בקשה.

**זאגט רבי מאיר שמחה הכהן פון דווינסק:**

'תפילה' איז די נוסח וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן באשטימט, אבער 'בקשה' איז א פריוואטע בקשה וואס דער מענטש זאגט עס מיט זיינע אייגענע ווערטער. וועגן דעם איז די תפילה אזוי ווי א שווערד, מיט א שארפע שווערד קען מען הרג'ענען אויך אן זיך אנשטרענגען, אזוי אויך קען תפילה פויעלן אויך אויב מ'האט נישט אינזין געהאט ווי עס דארף צו זיין. אבער די אייגענע בקשות איז ווי א פיילן בויגן, אזוי ווי א פיילן בויגן, ווי מער דער מענטש וועט זיך אנשטרענגען עס אויסציעהן אזוי וועט די פייל צילן ווייט, אזוי אויך די פריוואטע בקשה, ווי מער דער מענטש וועט זיך אנשטרענגען אינזין האבן וועט עס מער אויפטוהן.

און אויף דעם האט דוד המלך מרמז געווען אין תהלים (ו י) זאגנדיג: "שָׁמַע ה' תְּחִנָּתִי ה' תְּפִלָּתִי יִקָּח" - אויב דער אויבישטער האט צוגעהערט מיינע בקשות וואס זענען געזאגט געווארן מיט גרויס כוונה, איז דאך זיכער אז ער וועט צוהערן מיין תפלה, ווייל ביי תפילה פעלט דאך נישט אויס אזא שטארקע כוונה.

'משך חכמה'

### השי"ת טוהט דעם ווילן פון דער צדיק

"בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי" (מח כב)

"בצלותי ובבעותי" (אונקלוס)

טייטש דער **'דגל מחנה אפרים'**:

די ווארט 'צלותי' איז טייטש תפילה, אבער די ווארט 'בעותי' קען אויך געטייטש ווערן אויף א לשון פון ווילן, אזוי ווי דער כהן פרעגט ביי א פדיון הבן: במאי **בעית** טפי", ווייל אסאך מאל טוהט דער אויבישטער דעם רצון פון דער צדיק אויך בעפאר ער דאוונט צו אים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה יט): "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה - וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע וְיוֹשִׁיעֵם".

### ערוועקן דאס הארץ בעפאר מ'לויבט

"וַיִּרְאוּ אֲחֵי יוֹסֵף כִּי מֵת אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף" (נ טו)

מיר טרעפן אין מדרש (תנחומא ויחי יז) אז יוסף'ס ברודער'ס האבן מורא געהאט צוליב דעם וואס צוריק קומענדיג פון די קבורה פון זייער פאטער זענען זיי אריבער נעבן די גרוב וואו מ'האט אים דארט אריינגעווארפן, און יוסף האט זיך דארט אפגעשטעלט זאגן די ברכה: "ברוך שעשה לי נס במקום הזה", און פון דעם האבן זיי פארשטאנען אז יענע געשעהעניש ליגט נאך אין זיין הארץ.

דארף מען פארשטיין: פארוואס האבן די ברודער אפגעמאכט אז יוסף האט נאך אין הארץ אקעגן זיי, ער האט דאך געהאט א חיוב צו זאגן די ברכה?

ערקלערט **רבי יעקב מאיר פאדווא** דער בריסקער רב:

אין שולחן ערוך (או"ח ריח ה) איז גע'פסק'נט "אויב ס'איז איינעם געשעהן עטליכע נסים, ווען ער קומט אן צו א געוויסע פלאץ וואו עס איז אים געשעהן א נס, דארף ער דערמאנען אלע פלעצער אין די ברכה"; וועגן דעם, ווען די ברודער האבן געזעהן אז יוסף דערמאנט אין די ברכה נאר די נס פון די גרוב , און נישט די נס פון ארויסגיין פון ארעסט הויז, האבן זיי פארשטאנען אז די סיבה וואס ער דערמאנט נאר די געשעהניש פון דעם גרוב ווייל זיי האבן אים דארט אריינגעווארפן, און ער האט נאך אין הארץ אקעגן זיי. אבער די אמת'דיגע סיבה פארוואס ער האט נישט דערמאנט די אנדערע נסים, ווייל ער האט געהאלטן ווי די שיטה וואס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (שם סעיף ט) אז מ'זאגט נישט קיין ברכה 'שעשה לי נס' אויף א נס וואס פאסירט בדרך הטבע אזוי ווי איינער וואס ווערט באפרייט פון ארעסט הויז, נישט ווי זיינע ברודער וואס האבן געהאלטן אז אויך אויף אזא נס דארף מען זאגן א ברכה, און צוליב דעם האבן זיי אפגעמאכט אז ער האט אין הארץ אקעגן זיי.

נאך א ענטפער אויף דעם זאגט **רבי חיים שמואלעוויץ**, דער מירער ראש ישיבה: ווייל זיי האבן גוט געקענט זייער ברודער יוסף הצדיק, האבן זיי געוואוסט אז בעפאר ער האט געזאגט די ברכה פון ברוך שעשה לי נס, האט ער איבערגעטראכט די צרה וואס ער האט געהאט מיט יארן צוריק, ביז ער האט ממש געפיהלט אז ער געפינט זיך יעצט אין יענע צרה, כדי אז די ברכה זאל געזאגט ווערן פון טיפן הארץ. וועגן דעם זענען זיי גערעכט געווען אז זיי האבן מורא געהאט אז אפשר וועט זיך אויפוועקן אין אים די שווערע געפיהלן אקעגן זיי.

'תשובות מהרי"ם' בהקדמה; 'מזמור לתודה' עמ' 187

## אמן אויף יעדע ברכה

"און די ערליכע אידן ווען זיי ווילן זאגן איין ברכה, צי עטליכע ברכות, ווארטן זיי ביז איינער וועט קומען און ענטפערן 'אמן' אויף זייערע ברכות, און אויב אסאך וועלן קומען איז בעסער. און עס קען זיין אז דאס איז די כוונה פון דער פסוק (ישעיה כו ב) "שומר אמונים", 'שומר' איז פון לשון 'ווארטן' - אז ער ווארט פון צו זאגן די ברכה ביז עס וועט זיין איינער וואס וועט ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, און זייער שכר איז זייער גרויס"

('ציצית הכנף' [פון די גדולי בעלי המוסר הגרא"ד בלאך הי"ד, דער משגיח פון די ישיבה אין איוויע] עמ' כ)

**ברכות השחר.** אויפן קול, מיט כוונה, מיט א חברותא



## תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

# בכל לבבך, בכל נפשך ובכל מאודך

"'רבי אליעזר אומר: אם נאמר 'בכל נפשך' למה נאמר 'בכל מאדך'? ואם נאמר 'בכל מאדך' למה נאמר 'בכל נפשך'? אלא: אם יש לך אדם שגופו חביב עליו מממונו - לכך נאמר 'בכל נפשך', ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו - לכך נאמר 'בכל מאדך'" (ברכות סא ב)

"'בכל לבבך' - בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע; 'ובכל נפשך' - אפילו הוא נוטל את נפשך, 'ובכל מאדך' - בכל ממונך. דבר אחר: 'בכל מאדך' - בכל מדה ומדה שהוא מודד לך הוי מודה לו" (ברכות סד א)

### בכל לבבך - בשני יצריך

אסאך פרעגן: וויאזוי איז שייך צו דינען דעם אויבערשטן מיט דעם כח פונעם יצר הרע, אסאך פירושים זענען שוין געזאגט געווארן אויף דעם, און מיר וועלן דא ברענגען עטליכע פון זיי:

אין פירוש רבינו יונה אויף די גמרא דארטן ערקלערט עס בדרך פשט, אויף צוויי וועגן: א. "די עבודה פונעם יצר טוב מיינט טוהן מצוות, און די עבודה פונעם יצר הרע באדייט ער זאל זיך געווינען דעם יצר הרע". ב. "יצר טוב מיינט די מדה פון רחמנות א.ד.ג.., און יצר הרע מיינט שלעכטע מידות, און ווען א מענטש האט נישט קיין רחמנות אויף די רשעים נאר ער איז פירט זיך מיט רשעות צו זיי, טוהט ער א גרויסע מצוה און דינט דעם אויבערשטן מיט דעם כח פונעם יצר הרע".

ג. רבי אברהם דב פון אווריטש ערקלערט אזוי: דער עצם געדאנק פון ווידערשפעניגן צום באשעפער און זינדיגן פאר אים, ווייזט ווי ווייט דער מענטש איז פון השי"ת, און דאס אליין דארף צוברעגען דעם מענטש צו געפיהלן פון תשובה און חרטה. אויב וועט ער פון דעם טאקע נתעורר ווערן, וועט אויסקומען אז דאס וואס דער יצר הרע רעדט אים איין דערנענטערט אים צו עבודת ה' ('בת עין' בחוקותי).

און אזוי פלעגט דער 'חידושי הרי"ם' זאגן: אזוי ווי חז"ל דרש'ענען פון 'ובכל נפשך - אפילו הוא נוטל את נפשך, דארף מען אויך טייטשן: ובכל לבבך - אפילו הוא נוטל את לבך, אויך אין די שפעטערדיגע יארן פון א מענטש ווען זיין הארץ איז שוין נישט אזוי שטארק, זאל ער זיך נישט ארויסדרייען פון עבודת ה', נאר ער זאל דינען דעם אויבערשטן אין יעדן צייט און אין יעדע מצב לויט זיין מעגליכקייט ('ליקוטי הרי"ם' ואתחנן).

### בכל לבבך - אפילו הוא נוטל את נפשך

דער רשב"א שרייבט (שו"ת, ח"ה סי' נה): "דער כלל איז, מיר דארפן אפמאכן אין הארץ א שטארקע באשלוס אז יעדע מאל וואס מיר וועלן ליינען קריאת שמע, זענען מיר מסכים אוועק געבן אלע אונזערע תאוות און הארץ גלוסטענישן און אונזער זעהל און געלט צוליב דעם יחוד ה' און מלכותו ית'. און מיר זאלן זיך פארשטעלן אין הארץ ווי מיר האבן שוין דעם נסיון און מיר טוהן עסביישטיין. און דאס זאגן מיר (תהלים מד כג): "כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם" - איז דען שייך גע'הרג'עט ווערן יעדן טאג? נאר ווייל יעדן טאג ליינען מיר קריאת שמע און מיר זאגן 'ובכל נפשך' און מיר זענען מסכים אויף דעם, איז עס גערעכנט ווי מיר וואלטן זיך גע'הרג'עט צוליב זיין נאמען, ווייל יעדער וואס איז גרייט אויף דעם איז עס גערעכנט ווי ער וואלט עס שוין געטוהן".

און באמת שטייט אזוי קלאר אין זוהר הקדוש (ח"א דף קכא ב): יעדער וואס האט אינזין אין דעם פסוק זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם, רעכנט עס די תורה ווי ער וואלט זיך טאקע מוסר נפש געווען יעדן טאג.

אין גמרא (ברכות סא ב) ווערט דערציילט אויף רבי עקיבא אז ווען מ'האט געקעמט זיין קערפער מיט אייזן, בעפאר מ'האט אים ארויסגעפירט צום הרג'ענען, האט ער מקבל געווען אויף זיך דעם עול מלכות שמים. ווען זיינע תלמידים האבן אים געפרעגט: "רבי, אזוי ווייט?" האט ער זיי געענטפערט: "אלע מיינע יארן האב איך מצטער געווען אויף 'בכל נפשך' - וואס ד.מ. אפילו מ'נעמט צו דיין נשמה, איך האב געזאגט, ווען וועל איך קענען אויספירן מיין וואונטש, יעצט אז עס איז צוגעקומען צו מיר דעם נסיון זאל איך עס נישט מקיים זיין?" דערציילט די גמרא: "ער האט געצויגן ביי די ווארט 'אחד' ביז זיין נשמה איז ארויס פון זיין קערפער זאגנדיג 'אחד'. איז ארויס א בת קול און האט געזאגט: 'וואויל איז פאר דיר רבי עקיבא וואס דיין נשמה איז ארויס פון דיר זאגנדיג 'אחד'".

טייטש דער צדיק רבי זלמ'עלע פון ווילנא: 'כל ימי הייתי מצטער' - יעדע מאל ווען רבי עקיבא האט געליינט קריאת שמע, האט ער זיך טאקע 'מצטער' געווען, ד.מ. אז ער האט זיך פארגעשטעלט ווי די שווערד ליגט אויף זיין האלדז, און ער איז זיך מוסר נפש אויף קידוש ה', און אזוי שטארק האט ער זיך יעדן טאג פארגעשטעלט, אז ער האט געפילט ווי ער איז זיך טאקע מוסר נפש, וועגן דעם ווען עס איז טאקע געקומען יענע מינוט האט ער אינגאנצן נישט געשפירט קיין ווייטאג ('תולדות אדם' ח"ב פ"ד).

### ובכל מאודך - בכל ממונך

ערקלערט דער אור החיים הקדוש (דברים ו כד): די הארץ און די זעהל ווערן זאט ווען זיי ווערן צופרידן געשטעלט, אבער די גלוסטעניש צו געלט קען מען נישט צופרידן שטעלן, ווייל ווער עס האט איין מנה וויל צוויי, אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ה ט), און אזוי דארף זיין אהבת ה', שטענדיג, און אזא ליבשאפט וואס קיינמאל קען מען עס בארואיגן.

וויאזוי קען זיין אז א מעטש זאל ליב האבן זיין געלט מער פון זיין קערפער? ערקלערט דער 'שפת אמת' (ואתחנן תרנ"ד) די צדיקים ציטערן נישט פון זיך מוסר נפש זיין פארן באשעפער, ווייל די גאנצע צייט וואס זיי זענען אויף דער וועלט איז עס א ווייטאג פאר זייער נשמה וואס גלוסט א גאנצע צייט דערנענטערט ווערן צום באשעפער און געניסן פון זיו השכינה, אנדערשט איז אוועק געבן זייער פארמעגן און בלייבן לעבן אויף דער וועלט וואס דאס איז אסאך שווערער, ווייל 'עניות מעבירה את האדם על דעתו ודעת קונו', איז ענדערשט די נסיון פון הרג'ענען וואס איז א קורצע ניסיון, ווי די ניסיון העוני וואס איז א ניסיון וואס ציהט זיך א לאנגע צייט.

און דער חפץ חיים האט אזוי געזאגט: עס טרעפט זיך נישט אז א מענטש זאל מפקיר זיין זיין גאנצע פארמעגן צוליב די מצוות, אבער צום ווייניגסטנ'ס זאל ער ליב האבן דעם אויבערשטן אזוי ווי איינס פון זיינע קינדער, וואלט ער געהאט זעקס זוהן, וואלט ער אויסגעגעבן אויף יעדן איינעם פון זיי אויף עסן, אנטוהן, און חתונה מאכן, אזוי זאל ער זיך אויך פירן מיט די תורה, ער זאל זארגן אויף די געברויכן פון די תלמידי חכמים צום ווייניגסנט'ס אזוי ווי איינס פון זיינע זוהן ('חומת הדת' פ"כ).

#### אני מוסר נפשי

און אז מיר רעדן שוין איבער מסירות נפש, וועלן מיר ענדיגן מיט די ווערטער פון דער בעל 'ספר הגן ודרך משה' (ליום י"א): "יעדער איד וואס הערט א ברכה פון א איד איז מחוייב צו ענטפערן אמן, אויך ווען ער הערט פון א פרוי צי פון א קטן, און אויב ער הערט א ברכה און ענטפערט נישט קיין אמן איז ער חייב מיתה. און א סימן צו דעם: 'אמ"ן' איז ר"ת 'אני מוסר נפשי', ווייל יעדער איד איז מחוייב זיך מוסר נפש זיין אויף ענטפערן אמן. און יעדער איד איז מחויב צו זאגן הויעך די ברכות כדי זיין הויזגעזונד צי אנדערע וואס געפינען זיך נעבן אים זאלן הערן און ענטפערן אמן, ווייל די אמן איז א עדות אויף די ברכה אז עס איז אמת און אויב ער וועט זאגן שטילערהייט איז עס ווי איינער וואס פארהוילט א עדות".

## מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

# א ישועה אין טראנסניסטעריע

#### אמן אינמיטן א חלום

מאטי איז א טייערער און א ספעציעלער איד, אלע קענען אים מיטן נאמען 'מאטי דער שליח', אלץ זיין ארבעט וואס פון דעם ציט ער זיין פרנסה די לעצטע עטליכע יאר.

געווענליך זענען די שליחים פארפארעט מיטן טראגן פעקלעך פון איין פלאץ צום צווייטן, אבער ווייל מאטי איז באקאנט אלץ א ירא שמים האט ער אויך זוכה געווען צו א ספעציעלע פארלעסליכקייט, און צוליב דעם רופט מען אים אויף אזעלעכע זאכן וואס מ'דארף זיין פאראנטווארטליך, אזוי ווי שיקן געלט צו די בענק, אפיסעס פון אדוואקאטן א.ד.ג..

אין איינע פון די טעג איז מאטי געשיקט געווארן איבערגעבן א טייערע קאנווערט אין באנק 'משכן' וואס געפינט זיך אין תל אביב, וואו דארט האט מען אים שוין געשיקט נישט ווייניג מאל. די קאנווערט האט ער געדארפט איבער געבן פאר א געוויסער באאמטער וואס ער איז פאראנטווארטליך אויף איינע פון די אפטיילונגען אין דעם באנק. מאטי וואס האט באמערקט אז דער באאמטער איז פארנומען מיט א געשמאקע שמועס מיט איינער פון זיינע קאסטומער'ס, האט אויסגענוצט די צייט צו דערכאפן זיין הארץ און האט געוואלט זאגן א ברכה הויעך מיט כוונה אזוי ווי זיין שטייגער, אבער אינמיטן זאגן די ברכה איז פלוצלינג געהערט געווארן א געשריי פון דער באאמטער, וואס זיין אויסזעהן האט געוויזן אז ער איז זייער ווייט פון צו זיין א ערליכער איד:

"נישט דא!" "נישט דא!" - האט דער באאמטער געשריגן אויפגערעגטערהייט.

מאטי וואס איז געווען פארטיפט אין די ברכה האט אין אנהויב נישט באמערקט די געשרייען און האט ווייטער פארגעזעצט צו זאגן די ברכה אויף זיין שטייגער. נאר ווען דער באאמטער האט מיט עקסטאז פראטעסטירט: "דא איז נישט קיין שול! דא דאוונט מען נישט", האט ער זיך אויפגעכאפט און האט געענדיגט די ברכה אביסל שטילער.

די אנוועזנדע אין באנק האבן אים אנגעקוקט, א טייל האבן ארויסגעוויזן זייער פארדרוס, א טייל זענען געווען פארלוירן און א טייל האבן ארויסגעוויזן זייער שעצונג. מאטי וואס איז געווען פארלוירן פון די אומגעראכטענע פאסירונג, האט זיך אנטשולדיגט מיט א האלבע מויל, ער האט געבעהטן א אונטערשריפט וואס באשטעטיגט אז ער האט איבערגעגעבן דעם קאנווערט און איז ארויס צו דעם קומענדיגן אדרעס.

עטליכע טעג נאכדעם איז אים נאכאמאל אויסגעקומען צו זיין אין דעם זעלבן באנק, ציטערדיג איז ער דארט אריין, די געשרייען פון די פריערדיגע מאל האט נאך געקלינגען אין זיינע אויערן, און ער האט געהאפט עס זאל נישט נאכאמאל פאסירן.

אויך יעצט האט ער געדארפטווארטן ביז ווען דער באאמטער וועט פריי ווערן און אים אויפנעמען, און ווי זיין שטייגער האט ער אויסגענוצט די ליידיגע צייט צו חזר'ן משניות פון א קליינע משניות'ל וואס ער האט געהאלטן אין זיין טאש. אים איז נישט איינגעפאלן אז אויך זאגן משניות שטילערהייט קען איינעם שטערן... אבער ער איז נאכאמאל אויפגעציטערט געווארן צו הערן דעם שטארקן שטימע פון דער באאמטער...

דאס מאל האט זיך געהערט דער טאן אביסל מער ווייכער, און א מינוט... די ווערטער זענען אויך געווען אנדערשט:

"פארוואס טוהט איר בענטשן אזוי שטיל" - האט דער באאמטער אים געזאגט טראכטנדיג אז מאטי האלט אין האנט א סידור און בענטשט, "בענטש הויעך, אז אלע זאלן הערן און ענטפערן אמן...!".

מאטי איז צומישט און צוטומלט געווארן פונעם טויש, ער איז צוגעגאנגען צום באאמטער וועלנדיג אים ערקלערן אז האט נישט אין האנט א סידור, נאר פון משניות, און דעמאלטס האט ער באמערקט די טרערן וואס רינען אויפן געזיכט פונעם באאמטער.

דער באאמטער האט אים געבעהטן ער זאל זיך אראפ זעצן נעבן זיין טיש, מאטי האט זיך אביסל דערנענטערט, און פלוצלינג האט דער באאמטער אויסגעשאסן מיט א געוויין ווען ער קען זיך נישט באהערשן.

נאך א שטיקל צייט האט ער זיך אנגערופן:

"יענע וואך, געדענקסט זיכער, ווען דו ביזסט דא געווען, און דו האסט געזאגט הויעך א ברכה און מיין הארץ האט אנגעהויבן צו שטורעמען. איך בין אויפגעוואקסן געווארן אין גאנץ א איינפאכע שטוב, און פון ווען איך געדענק מיך האט מיין מאמע מקפיד געווען צו ענטפערן אמן נאך די ברכות וואס זי האט געהערט. אבער אין לויף פון די יארן, האט זיך דער יצר הרע געשטארקט אויף מיר און איך האב אראפגעווארן פון מיר דעם עול המצוות.

איך האב געוואלט אויסמעקן דעם גאנצן פארגאנגענהייט פון מיין געדענקעניש, האב איך זיך באזעצט און אויפגעשטעלט מיין הויז אין די שטאט תל אביב וואס איז אנגעזאפט מיט א פרייע אטמאספער. געווענליך קומען נישט באזוכן אין דעם ברענטש קיין רעלגיעזע אידן, אזוי אז די אמאליגע זכרונות האבן מיר נישט שטארק דערקוטשעט, אבער דאס מאל ווען דו ביזסט אריינגעקומען, דו האסט אנגעהויבן מיט די ברכות און די זכרונות פון אמאל האבן מיר אנגעהויבן ארום נעמען.

איך האב עס נישט געקענט אויסהאלטן און איך האב זיך אקעגן געשטעלט מיטן גאנצן כח, איך האף אז דו וועסט מיר מוחל זיין..."

מאטי שאקלט מיט זיין קאפ אראפ א צייכן פון 'יא', און האט זיך צוגעהערט צו דעם איבערראשנדן אויספיר.

"די נאכט נאכדעם, ווען איך האב זיך געלייגט שלאפן, האט מיך אנגעכאפט א שרעקליכן חלום: איך האב געזעהן מיין מאמע וואס איז אוועק פון דער וועלט נישט אסאך צייט צוריק, זי האט אויסגעזעהן פונקט אזוי ווי ביים לעבן, אבער אנדערשט פון שטענדיג, איר בליק איז דאס מאל געווען שרעקעדיג און שטארק אויפגערעגט. און דעמאלטס האב איך געהערט איר שטימע ווי זי שרייט מיך אן:

'מיין קינד, זאלסט וויסן אז איך לייד זייער אסאך צוליב דיין אויפפירונג, אבער דאס מאל ביזסטו אריבער אלע גרעניצן! פון הימל האט מען צוגעפירט פאר דיר א איד וואס זאל זאגן זיינע ברכות נעבן דיר. ווען דו וואלסט געענטפערט נאך אים אמן, וואלסטו מיר ענדליך מזכה געווען איך זאל אריין גיין אין גן עדן, און דו, נישט נאר אז דו האסט נישט געענטפערט אמן, האסט אויך נישט געלאזט דעם ערליכער איד זאל ענדיגן די ברכה ווי עס דארף צו זיין.

איך בין זייער אויפגערעגט אויף דיר! האסט מיר אפגעהאלטן ארויף גיין אין גן עדן - האט מיין מאמע מיר אריינגעזאגט, און איז פארשווינדן געווארן".

דער באאמטער האט אראפגעבויגן זיין קאפ, עס האט זיך דערקענט אז ער לעבט יעצט מיט דעם חלום ווי עס פאסירט יעצט.

פלוצלינג האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיין פלאץ און האט געזאגט פאר מאטי: "איך מוז איבערבעטן מיין מאמע, זאג מיר וואספארא זאך קען איך טוהן פאר די נשמה פון מיין טייערע מאמע, און איך וועל טוהן אזוי. איך קען נישט לעבן מיט די געדאנק אז צוליב מיר האט זי נישט געקענט אריינגיין אין גן עדן".

מאטי איז ארויס פון באנק, ווען ער האט אין טאש א צוזאג פון דער באאמטער אז ער וועט זיך האלטן נאנט מיט אים, און זעהן וואס ער קען אלץ טוהן לטובת די נשמה פון זיין מאמע, און אין די זעלבע צייט מיט א שטארקער דערהער איבער די כח פון איין 'אמן' וואס קען ארויס ציעהן א מענטש פון גיהנום און אים אריינפירן אין גן עדן.

(געהערט פון דער בעל המעשה)

ציצובים shay